בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וירא
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִנּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

## • וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אַלְס קִינְד - בְּלַייבְט

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת דְּבָרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת'

עֶס אִיז פַאר מִיר אַ זְכִיָּה אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ דִי מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד.

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת', זֵיי זָאלְן זַיין סֶענְסֶעטִיוְו צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: **"אוֹיבּ אֵיינֶער טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אוֹיבּ אֵיינֶער עֶסְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער שָׁאקְלְט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דִיר, קֶענְסְטוּ נִישְׁט לַאכְן פוּן יֶענֶעם, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן יֶענֶעם!"**

בִּפְרַט יֶעצְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי עֲבֵירָה פוּן 'שִׂנְאַת חִנָּם' (יוּמָא ט:), דַארְף מֶען אַוֶועק גֶעבְּן אַסַאךְ צַייט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע צוּ רֶעדְן נָאכְאַמָאל פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז דָאךְ אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.) אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: **"רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"**. אַ אִיד שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטֶע בְּלוּט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב יא, יב): **"וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד"**, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן וִוי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל, עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי פָּארְהַאלְטְן:

**"פַארְוָואס לַאכְסְטוּ פוּן יֶענֶעם?" "פַארְוָואס שְׁפֶּעטְסְטוּ פוּן יֶענֶעם?"** פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: **"דוּ ווילְסְט מֶען זָאל לַאכְן פוּן דִיר?!"**

### דוּ קֶענְסְט דָאךְ אוֹיךְ זַיין אַזוֹי,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעדַאוֶוענְט אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּלִיבּ אַ שִׂמְחָה, אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען מִיט צְוֵוֵיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָארְט בַּיי דֶעם טִישׁ וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט אִיז גֶעזֶעצְן אַ טַאטֶע מִיט אַ זוּן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַ דַאוּן סִינְדְרָאם לֹא עָלֵינוּ, אִיר וֵוייסְט דָאךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶוען מֶען זֶעט אַזַא קִינְד, דֶער קִינְד מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ אוּן דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לַאכְט - אוֹיסֶער דֶער טַאטֶע וֵויינְט. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מַיינֶע צְוֵוֵיי קִינְדֶער לַאכְן, הָאבּ אִיךְ זֵיי אַרוֹיס גֶערוּפְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זֵיי בֵּיידֶע גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ! אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"דוּ לַאכְסְט פוּן אַ צְוֵוייטֶער בַּאשֶׁעפֶענִישׁ? דוּ לַאכְסְט פוּן אַ אִיד?! דוּ קֶענְסְט דָאךְ אוֹיךְ זַיין אַזוֹי, דוּ וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין מִיט דִיר?!"**

מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט סְתָּם קוּמֶען אִין חֵדֶר גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן כִּתָּה, מֶען מוּז זַיין וַואךְ אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז קִינְדֶער זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן.

### אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

וֶוען מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין לָאנְטְשׁ רוּם בַּיים עֶסְן, קֶען מֶען אַסַאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן הֶעלְפְן קִינְדֶער. אוֹיבּ מֶען זֶעט וִוי קִינְדֶער עֶקְלֶען זִיךְ פוּן אַ קִינְד וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן, עֶר עֶסְט מִיט זַיינֶע הֶענְט אוּן פִיס, זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן; מֶען זִיצְט גְרָאד, מִיט בֵּיידֶע פִיס אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ, מֶען עֶסְט מִיט אַ לֶעפְל אוּן מֶען מַאכְט צוּ דִי מוֹיל בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן.

וֶוען אִיךְ זֶע בַּיי מַיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים אַ קִינְד זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ גְרָאד בַּיים עֶסְן, זָאג אִיךְ אִים: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ, לֵייג אַרָאפּ דַיינֶע פִיס!"** אוּן אִיךְ בִּין אִים מַסְבִּיר: **"וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אָדֶער דוּ לֵיינְסְט אַ בּוּךְ קֶענְסְטוּ זִיצְן וִוי אַזוֹי דוּ ווילְסְט, קֶענְסְט אֲפִילוּ זִיצְן אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל... אָבֶער וֶוען מֶען עֶסְט דַארְף מֶען זִיצְן מִיט בֵּיידֶע פִיס אוּנְטֶערְ'ן טִישׁ!"**

עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מֶען דַארְף זֵיי פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ זַיין מְיֻשָּׁב אוּן מְחוּנָךְ. וֶוען אִיךְ זֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה עֶסְן בְּרוֹיט שְׁטֵייעֶנְדִיג, זָאג אִיךְ זֵיי: **"עֶס נָארְמַאל!"**

דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס קֶענֶען עֶס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַלְס קִינְד - אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן.

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער: **"מַאךְ צוּ דַיין מוֹיל בִּשְׁעַת דוּ עֶסְט"**, **"רֶעד נִישְׁט וֶוען דוּ עֶסְט, עֶס פְלִיט דָאךְ פִּיקְלְס אוּן טָאמֶעטֶעס פוּן דַיין מוֹיל... שְׁלִינְג אַרָאפּ אוּן נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ רֶעדְן!"**

### דוּ וואוּנְסְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן!

אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט אִין כִּתָּה אוּן זַיין מוֹיל שְׁמֶעקְט פוּן קְנָאבְּל, אוּן קֵיינֶער וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, דַארְף מֶען אִים זָאגְן אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן קֵיין קְנָאבְּל אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, קֶען זַיין אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט מִיר מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אַז דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מַאכְן אַ טָאוֹסְט (פֶּענֶעץ) אוּן עֶס אָנְשְׁמִירְן מִיט קְנָאבְּל אוּן פּוּטֶער, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ עֶסְן, אָבֶער מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט, **"גֶעעֶנְדִיגְט, אַז דוּ בִּיסְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן קֶענְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן"**. מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"עֶס נִישְׁט קַיין צְוִוִיבְּל אוּן קְנָאבְּל! - דִי צְוֵויי זַאכְן עֶס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס וֶועט גֵיין פוּן דִיר אַ גֶערוּךְ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וואוֹינֶען אִין מִדְבָּר וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיין בַּייסְן אִין צְוִוִיבְּל אוּן קְנָאבְּל... וִוי לַאנְג דוּ וואוֹינְסְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן קֶענְסְטוּ דָאס נִישְׁט טוּן!"**

אִין דֶעם פַאל שִׁיק אִיךְ אַהֵיים בָּחוּרִים פוּן

## • וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אַלְס קִינְד - בְּלַייבְּט

יְשִׁיבָה. אוֹיבּ אַ בָּחוּר קוּמְט צוּ נָאנְט צוּ מִיר, עֶר פְּרֶעגְט מִיר אַ שְׁאֵלָה אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס גֵייט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל, פְּרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעפּוּצְט דַיין צֵיין?"** זָאגְט עֶר: **"נֵיין"**, זָאג אִיךְ אִים: **"אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, גֵיי אַהֵיים, פּוּץ דַיין צֵיין אוּן קוּם צוּרִיק"**. אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן בָּחוּרִים, וַוייל דֶער חֵדֶר אִיז וַוייט פוּן דֶער הֵיים, אָבֶער אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג שִׁיק אִים אַהֵיים, אִיךְ זָאג: **"גֵיי אַהֵיים, פּוּץ דַיין צֵיין אוּן קוּם צוּרִיק"**.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַ מוֹסָד הָאט מֶען פְרַייטָאג בַּיי פְרִישְׁטָאג גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער טָאמֶעטֶע דִיפּ (חֲרִיף), פוּן אַלֶע טָאמֶעטֶעס וָואס זֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אַזוֹי הָאט דִי מוֹסָד זִיךְ גֶעשְׁפָּארְט גֶעלְט. אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזַאנְס נִישְׁט גֶעהַאט, דִי גַאנְצֶע כִּתָּה שְׁמֶעקְט פוּן קְנָאבְּל... וֶוען מֶען עֶסְט טָאמֶעטֶע דִיפּ אִינְמִיטְן אַ סְעוּדָה בְּלַייבְּט נִישְׁט קַיין גֶערוּךְ אִין מוֹיל, וַוייל מֶען עֶסְט נָאכְדֶעם פִישׁ, זוּפּ, פְלֵיישׁ, וָואס שְׁוֶוענְקְט אַרָאפּ דֶעם גֶערוּךְ, אָבֶער אַז מֶען עֶסְט נָאר בְּרוֹיט מִיט טָאמֶעטֶע דִיפּ בְּלַייבְּט אַ שְׁטַארְקֶע גֶערוּךְ אִין מוֹיל, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶעכֶער אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל עֶס מֶער נִישְׁט גֶעבְּן, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיט מֶענְטְשְׁן וֶוען עֶס גֵייט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל.

### דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זָאלְן זַיין דִי מַאמֶע

בַּיי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִיז דָא נָאךְ זַאכְן וָואס זֵיי טוּעֶן אוּן עֶס מַאכְט זֵייעֶר נֶערְוֶועז אַנְדֶערֶע, ווִי קִינְדֶער וָואס קְרַאצְן זִיךְ דִי נָאז אוּן דֶערְנָאךְ לֵייגְט עֶר עֶס אַרַיין אִין מוֹיל, אָדֶער אַ קִינְד וָואס קוּמְט זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אוּן עֶסְט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ׳ס אוֹיעֶר, עֶר קֵייט אוּן שְׁפֵּייט אוֹיף יֶענֶעם, אוֹיבּ מֶען זֶעט אִין כִּתָּה אַז אַ קִינְד טוּט דָאס, דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען עֶס נִישְׁט צוּ טוּן.

קֶען זַיין דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט אַ מַאמֶע וָואס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאכְן, דִי מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס... מִיט אַייְנְקוֹיפְן אוּן קוּקְן קְלִיפְּס, זִי שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער, זִי רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִירֶע קִינְדֶער, זִי לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס אִירֶע קִינְדֶער דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, דַארְף דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זַיין דִי מַאמֶע עֶס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן פִילְן גוּט אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי זַאכְן, וַוייל מֶען הֶעלְפְט דֶערְמִיט דֶעם קִינְד עֶר זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, זַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארעֶקְלֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה פוּן אִים.

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן עֶסְט מֶען אַזוֹי שֵׁיין, מֶען עֶסְט מִיט עֶסְצֵייג, אֵיידְל; אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מַיין וַוייבּ עֶסְט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִיס... אִיךְ פִיל מַמָּשׁ ווִי אִיךְ וֶוער פַארְעֶקְלְט פוּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן, אִיךְ ווִיל קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר אָבֶער אִיךְ וֶוער פַארְעֶקְלְט פוּן אִיר"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"זָאג אִיר"**, זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ זָאג אִיר אוּן זִי וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אִיךְ זָאג אִיר עֶס"**, זָאג אִיךְ אִים: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, זָאג עֶס נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט: 'אִיךְ בֶּעט דִיר, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ עֶסְן מִיט עֶסְצֵייג, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ עֶסְן אֵיידְל'"**.

דֶערְפַאר, וֶוען מֶען זֶעצְט אַוֶועק קִינְדֶער אִין לָאנְטְשׁ רוּם בַּיי פְרִישְׁטָאג אוּן מִיטָאג, דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען, מֶען לֶערְנְט זֵיי שֵׁיין אוֹיס: **"זִיץ נִישְׁט אוֹיף דַיין פִיס"**, **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, **"פַארְעֶקְל נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן"**, **"מַאךְ צוּ דַיין מוֹיל וֶוען דוּ עֶסְט"**.

מֶען מוּז נִישְׁט בַּאמֶערְקְן פַארְ׳ן קִינְד בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְקוּקְן פַאר וֶועמֶען מֶען דַארְף דָאס זָאגְן אוּן שְׁפֶּעטֶער רוּפְט מֶען אִים אִין אַ זַייט מֶען זָאגְט אִים: **"אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַ שֵׁיינֶע זַאךְ"**, אוּן מֶען לֶערְנְט אִים ווִי אַזוֹי צוּ עֶסְן אֵיידְל.

### דֶער קֶעכֶער הָאט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן!

דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין הַארְץ. אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַמָאל דֶערְצֵיילְט אָבֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ עֶס אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר וואוֹילֶע עֶלְטֶערְן, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶען קֵיינֶער נִישְׁט חָלוֹמְ׳עֶן אַז עֶפֶּעס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט זֵיי, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, דִי מִינְדֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד שְׁטֶערְט זֵיי, קֶענֶען זֵיי אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם קִינְד אַלֶע טְרֶעפּ! דִי מִינְדֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד טוּט, בַּאקוּמְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֶסְן אוּן קְלֵיידוּנְג! אִינְדְרוֹיסְן דֶערְקֶענְט מֶען גָארְנִישְׁט, זֵיי וואוֹינֶען אִין אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט שֵׁיינֶע בֵּיימֶער אַרוּם, מַמָּשׁ הֶערְלִיךְ, אָבֶער זֵיי הַרְגְ׳עֶנֶען דִי קִינְדֶער!

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען דֶער פְּרָאבְּלֶעם, מִיר זֶענֶען נִישְׁט גוּט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אַז אַ שָׁכֵן הָאט צוּגֶעזֶען וָואס גֵייט פָאר בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט צוּ הֶעלְפְן אוּן דֶער רֶעגִירוּנְג הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּן שְׁטוּבּ.

זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם צוּ פַארְדַאנְקֶען פַאר מַיין לֶעבְּן, דֶער קֶעכֶער פוּן מַיין מוֹסָד וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט. וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּנְזֶער שְׁפַּייז אִיז גֶעוֶוען נָאר פְרִישְׁטָאג אוּן לָאנְטְשׁ - אִין חֵדֶר, מֶער פוּן דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט בַּאקוּמֶען, וֶוען מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען צוּ עֶסְן בִּיז מָארְגְן בַּיי פְרִישְׁטָאג. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעעֶקְלְט פוּן לוֹיזֶע אֵייעֶר, בַּיי מִיר הָאט לוֹיזֶע אֵיי אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי שְׁלֵיים... אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן, אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג אַרוֹיס גֶעקוּקְט וֶוען עֶס וֶועט זַיין הַארְטֶע אֵייעֶר.

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז לוֹיט דֶער מֶענְיוּ (סֵדֶר) דַארְף הַיינְט זַיין הַארְטֶע אֵייעֶר, לְמַעֲשֶׂה עֶפְן אִיךְ אַן אֵיי אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז לוֹיז, אִיךְ עֶפְן נָאךְ אַן אֵיי אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ לוֹיז. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר גֶערֶעגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ טוּ, אוּן הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַ לוֹיזֶע אֵיי, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין קָאךְ אוּן עֶס גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ׳ן קֶעכֶער אִין פָּנִים אַרַיין!

אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְוֵוייטָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט 'מִן הַסְּתָם גֵייט מֶען מִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן חֵדֶר, דֶער מְנַהֵל גֵייט אַרַיין קוּמֶען מִיךְ אַהֵיימְשִׁיקְן', עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דֶער מְנַהֵל קְלַאפְּט אוֹיפְ׳ן טִיר, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: **"שִׂמְחָה! קוּם אַהֶער"**, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס וַוארְט מִיךְ אָפּ, דֶער מְנַהֵל זָאגְט מִיר: **"דֶער קֶעכֶער רוּפְט דִיךְ אוּנְטְן!"** אִיךְ גֵיי אַרָאפּ, אוּן דֶער קֶעכֶער זָאגְט מִיר: **"זַיי מִיר מוֹחֵל! עֶס הָאט הַיינְט גֶעדַארְפְט זַיין הַארְטֶע אֵייעֶר, נָאר אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן לוֹיז, אִיךְ הָאבּ דִיר אָפְּגֶעקָאכְט הַארְטֶע אֵייעֶר, דָא הָאסְטוּ הַארְטֶע אֵייעֶר, עֶס דָאס אוֹיף!"** אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן דִי אֵייעֶר אוּן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין כִּתָּה.

דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"דֶער קֶעכֶער הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן! עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל, מִיט הַארְץ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ קִינְד וַוארְפְט נִישְׁט סְתַּם אַן אֵיי אִין פָּנִים, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִן הַסְּתָם בִּין אִיךְ הוּנְגֶערִיג אוּן אִיךְ וַוארְט אוֹיף מַיין פְרִישְׁטָאג"**.

### עֶר אִיז אַ רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶע

וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה קוּמְט מִיר צוּ וֵויינֶען, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, ווִי טְרֶעפְט מֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד, מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן מִיט הַארְץ! עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ זַיין אַ מְחוּצָף, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶער וֶוער זָאגְט אַז דֶער קִינְד אִיז אַ מְחוּצָף? אֶפְשָׁר קוּקְט עֶר אוֹיס גוּט נָאר פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע הֶעמְדְ׳ל, אָבֶער אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז דָאס אַ צֶעבְּרָאכְן קִינְד, עֶר אִיז אַ רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶע וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן פוּן נֶעכְטְן מִיטָאג, עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אֶפְשָׁר הָאט דֶער קִינְד אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק אִינְדְרוֹיסְן ווִי שֵׁיינֶע אִידְן, אָבֶער אִינְדֶערְהֵיים הַרְגְ׳עֶנֶען זֵיי דִי קִינְדֶער?!

ווִי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ?! אַ מְלַמֵּד, אַ לֶערֶערִין, אַ קֶעכֶער, אַ לָאנְטְשׁ רֶבִּי, אַ בָּאס רֶבִּי וָואס זָאל טְרַאכְטְן: 'דָאס אִיז אַ קִינְד, דֶער קִינְד הָאט אַ הַארְץ, דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט סְתַּם זַיין שְׁלֶעכְט, אֶפְשָׁר בַּאדֶערְט עֶפֶּעס פַאר דֶעם קִינְד'.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

## מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי טֶערָאר אַטַאקֶע

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ, מַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף יֶענֶעם גַאס וואוּ עֶס הָאט פַּאסִירְט, אַלֶעס אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁפַּארְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע זַייטְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעזָאגְט צוּ מִיר אַלֵיין, ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר״, אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעלָאפְן אִין גַאס, דִי טֶערָארִיסְטְן זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועקְגֶעלָאפְן, אִיךְ הָאבּ אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט טֵייל קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה פוּן פָּאלִיצֵיי אוּן הַצָּלָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'חַזֶרְ'ט מִיט זֵיי אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, אוּן מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ פְּלַאצִירְט דִי קִינְדֶער בַּיי דִי שְׁכֵנִים אוּן צוּרִיק גֶעלָאפְן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען מַיין וַוייבּ אוּן דִי בֶּעבִּי, אוּן אִיךְ הֶער וִוי מַיין וַוייבּ רֶעדְט אוֹיךְ צוּ זִיךְ, זִי בַּארוּאִיגְט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוֹיף אוּנְז.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועמֶען אוּן פוּן וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אוּנְז, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אוּנְז, אוּן וָואס עֶס דַארְף פַּאסִירְן וֶועט סֵיי וִוי פַּאסִירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּט פַאר אוּנְז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ מַתָּנָה דֶער רֶבִּי! וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁרֶעקֶעדִיג פַּארְלִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט; דֶער רֶבִּי בַּאקְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעק בְּלַייבְּט מֶען שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה.

דָאס הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי מַגֵיפָה פוּן קָארָאנֶע; אִין אָנְהוֹיבּ זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעוָוארְן פַּארְפַּאנִיקְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן פַּחַד, דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט אַ צַדִיק - דִי זֶענֶען אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן לֶעבְּן. אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל דִי נֵייעֶס וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק, אָדֶער עֶס פַּאסִירְט אַ טֶערָאר אַטַאקֶע וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דִי וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה - דִי קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן, אוּן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַדִיק - דִי פַאלְן חַלָשׁוּת, דִי דַארְפְן עֶנְדִיגְן זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן - בַּיי פְּסִיכְיַאטָארְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; אוֹיךְ גֵיי הַפָּצָה, גֶעבּ דִי גוּטֶע לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן דִי חַיִים טוֹבִים וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק, מֶען הָאט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): ״וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'״, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֶמֶת'עֶר צַדִיק וָואס קֶען צוּבְרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, ״כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה״, וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֶמֶת'ן צַדִיק, זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

. . .

(קונטרס עצתו אמונה 256, פרשת בחוקותי, באר״י במדבר, תשפ״ב)

## וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן״, ״מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף״, ״בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, ״יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, - וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): ״בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד״, פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, ״כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם״, אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדָיו כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' - דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוְונְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיין גֵיין אַ פַייעֶר פוּן קְדוּשָּׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת, דָאס פְּלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״. וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען אוֹיף גֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

. . .

(ספר עצתו אמונה חלק ז׳, מכתב תרסז)

## עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זַיי אַ מְלַמֵּד, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פִינְפְטֶע אֲנִי מַאֲמִין, "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל", נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה, נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ צוּ טוּן; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּ אִים, "וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", נִישְׁט בֶּעטְן אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל, אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט - פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד נֶעמֶען דֶעם קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קִישְׁן דִי פָּרֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס - זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קִישׁ דֶעם פָּרֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

. . .

(קונטרס עצתו אמונה פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא תשפ״ב 270)

## שַׁבָּת קֶען זַיין בַּיי אֵיינֶעם זַיין אַ גַן עֵדֶן אוּן בַּיים צְוֵויטְן אַ גֵיהִנוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים ח:): "אֵין גֵיהִנוֹם לְעוֹלָם הַבָּא", נִישְׁטָא קַיין גֵיהִנוֹם לְעוֹלָם הַבָּא, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹצִיא חַמָּה מִנַּרְתִּיקָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי זוּן פוּן אִיר הַאלְטֶער, "צַדִּיקִים מִתְרַפְּאִין בָּהּ", צַדִּיקִים וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, "וּרְשָׁעִים נִדּוֹנִים בָּהּ", אוּן דִי רְשָׁעִים וֶועלְן פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט דֶעם.

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, "שַׁבָּת" אִיז "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא", אוּן דִי זוּן מֵיינְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן א): "בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ", וְכוּ׳, "בְּחִינַת 'וְאֹרַח צַדִּיקִים'", וְכוּ׳.

שַׁבָּת קֶען זַיין פַאר אֵיינֶעם אַ גַן עֵדֶן, מֶען זִיצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת, מֶען רֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה, פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וֶאֱמוּנָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

וִוידֶער בַּיי רְשָׁעִים אִיז שַׁבָּת מַמָּשׁ אַ גֵיהִנוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען צִינְדְט אָן דִי פֵייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּן מח, דַף פה.): "כָּל מָאן דְּכָעִיס כְּאִלּוּ אוֹקִיד נוּרָא דְגֵיהִנָּם", וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ שַׁבָּת אוּן כַּעֲסְ׳ט זִיךְ - צִינְדְט אָן דִי גֵיהִנוֹם.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מִיט אֱמוּנַת צַדִּיקִים, עֶר וָוארְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן לֶעבְּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיטְ׳ן שַׁבָּת. דֶער אִיז זוֹכֶה, עֶס שַׁיינְט אִים דֶער זוּן וָואס וֶועט שַׁיינֶען לֶעָתִיד לָבוֹא פַאר דִי צַדִּיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כ): "וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי וגו׳", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

. . .

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וישלח 280 תשפ״ג)

## אַיינְפְלַאנְצְן אִין דִי קִינְדֶער דִי דְרֵיי חֲלָקִים פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיךְ אַיינְגֶעבְּן בַּיי אַנְדֶערֶע סְקוּלְס צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין, מִיר הָאבְּן גֶענוּג לֶערֶערִינְס אִין בֵּית פֵיגָא; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זַיין אַ לֶערֶערִין אִין אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד אוּן דָארְט אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אֱמוּנָה אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער, אֱמוּנָה וֶוערְט צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי חֲלָקִים:

דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע - אִיז צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דִי וֶועלְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, אֵיינֶער פִירְט אַלֶעס; דֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט אוּן פַּאסִירְט נִישְׁט - נָאר דוּרְךְ אִים.

אַז עֶס קוּמְט קָארָאנֶע - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי פְּרַייזְן הֵייבְּן זִיךְ - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס קוּמֶען הֵייסֶע טֶעג - אִיז דָאס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס קוּמֶען שְׁטוּרֶעם וִוינְטְן, צוּנַאמִיס, מִלְחָמוֹת - אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק, רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן צַדִּיקִים; דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן אַלֶע צַדִּיקִים.

דִי דְרִיטֶע חֵלֶק אִיז אֱמוּנָה אִין זִיךְ; הֵייבְּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, בּוֹיט זֵיי אוֹיף, נֶעמְט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן בּוֹיט זֵיי אוֹיף. וֶוען קִינְדֶער זָאגְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט", זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן: "קוּק, דוּ קֶענְסְט יָא; לָאמִיר פְּרוּבִּירְן"; דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ לֶערֶערִין וָואס בּוֹיט זֵיי אוֹיף.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ׳ען דַוְקָא צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער אִין בֵּית פֵיגָא. מִיר הָאבְּן גוּטֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, עֶנְדֶערְשׁ גֵייט אִין אַ צְוֵוייטֶע מוֹסָד - דָארְטְן פְלַאנְצְן אֱמוּנָה, אוֹיךְ וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן מִיט אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ׳; פְרֶעגְט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר הָאט זֵייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט דִי הֶעכְסְטֶע סְטַאנְדַארְט צְנִיעוּת. אוֹיבּ אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אִיר קֶענְט גֵיין מִיט וְכוּ׳, זָאלְט אִיר זִי אוֹיסְהֶערְן.

. . .

(קונטרס עצתו אמונה פַּרְשַׁת חֻקַּת (באר״י בָּלָק) תשפ״ב 262)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876